**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז מער פון צוויי גיגאַוואַטס פון קאמיוניטי סאלאר זענען שוין אינסטאלירט אין ניו יארק**

***דערגרייכטע צאל איז גענוג ריינע ענערגיע צו באדינען 393,000 היימער און ווידערהאלט סטעיט'ס פאזיציע אלס הויפט קאמיוניטי סאלאר אין די פאראייניגטע שטאטן***

***ביישטייערט צו פינף גיגאַוואַטס פון לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן אין אפעראציע אריבער די סטעיט, מיט נאך 3.3 גיגאַוואַטס אין דעוועלאפמענט***

***ווייזט ארויס פארשריט אין ריכטונג פון סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו אינסטאלירן זעקס גיגאַוואַטס פון לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן ביז 2025***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון צוויי גיגאַוואַטס פון קאמיוניטי סאלאר זענען שוין אינסטאלירט אין ניו יארק — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 393,000 היימער, ווידערהאלנדיג די סטעיט'ס פאזיציע אלס די הויפט קאמיוניטי סאלאר מארקעט אין די פאראייניגטע שטאטן. די קאמיוניטי סאלאר דערגרייכונג ביישטייערט צו די פינף גיגאַוואַטס פון לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן וועלכע זענען אין אפעראציע אריבער די סטעיט, מיט נאך 3.3 גיגאַוואַטס וואס זענען יעצט אין דעוועלאפמענט. די היינטיגע אנאנס ווייזט ארויס די באדייטנדע פארשריט וואס ווערט געמאכט צו ערגרייכן די ציהל פון ניו יארק'ס 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו אינסטאלירן זעקס גיגאַוואַטס פון לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן ביז 2025, אויף א וועג צו אנקומען צו 10 גיגאַוואַטס ביז 2030.

"ניו יארק'ס צוויי-גיגאַוואַט קאמיוניטי סאלאר ערגרייכונג ווייזט אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו בויען א ריינע און געזונטע צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אנגייענדע אינוועסטירונג אין קאמיוניטי סאלאר טרייבט אויף ממשיות'דיגע בענעפיטן פאר אונזער געזונטהייט, אונזער סביבה, אונזער עקאנאמיע און פאר די טויזנטע ניו יארקער וועלכע קענען יעצט געניסן פון נידעריגערע עלעקטריציטעט בילס, אלעס צו באדאנקען אונזער מעגליכקייט צו איינשפאנען די קראפט פון די זון."

קאמיוניטי סאלאר – אן אינסטאלאציע פון פאנעלן פאר א גאנצע קאמיוניטי אויף איין פלאץ – ערמעגליכט היים אייגנטימער, מענטשן וואס דינגען היימער און ביזנעס אייגנטימער וועלכע האבן נישט די פאסיגע שטח צו קענען דירעקט אינסטאלירן סאלאר פאנעלן ביי זיך צו קענען נוצן סאלאר. מיט די אראנזשירונג ווערט ריינע ענערגיע נאכאלץ געליפערט דורך דעם באנוצער'ס געוועניטליכע עלעקטריציטעט פירמע, נאר די עלעקטריציטעט וואס ווערט אויפגעטריבן דורך די סאלאר פאנעלן ווערן אריינגעפירט דירעקט אריין צו די עלעקטריציטעט גריד. אזוי ווי די עלעקטריציטעט גריד באקומט ריינע ענערגיע, באקומען די באניצער א קרעדיט אויף זייערע עלעקטריציטעט בילס פאר די חלק פון די עלעקטריציטעט וואס איז געקומען פון די סאלאר סיסטעם.

אזוי ווי עס איז היינט, איז קאמיוניטי סאלאר 61 פראצענט פון אלע סאלאר אינסטאלאציעס אריבער די סטעיט היי יאר. אין צוגאב, באשטייט ניו יארק'ס לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן וואס ווערן געבויט יעצט פון מער פון 8,700 פראיעקטן, וואס איינמאל זיי וועלן זיי פארעדיגט ווערן וועלן זיי צושטעלן 3,297 מעגאַוואַטס פון ריינע ענערגיע — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר מער פון 600,000 ניו יארק היימער. ארויפבויענדיג אויף די פארשריט, האט NYSERDA געעפנט אין אקטאבער א צווייטע רונדע פון איינלאדענונגען פאר פארשלאגן פאר דעם 'ארייננעמיגע קאמיוניטי סאלאר' (Inclusive Community Solar) און 'אויסגעברייטערטע סאלאר פאר יעדן' (Expanded Solar for All) פראגראמען, וואס ציהלן צוזאמען צו פארזיכערן איבער 1,140 מעגאַוואַטס פון קאמיוניטי סאלאר געווידמעט ספעציעל פאר הויזגעזינדער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט (low- and moderate-income, LMI) און שוואכערע קאמיוניטיס.

די סטעיט'ס הצלחה מיטן אריינברענגען קאמיוניטי סאלאר אין באנוץ ווערט פעסטגעשטעלט דורך די Wood Mackenzie Solar Market Insight באריכט פאר די לעצטע פערטל יאר וואס שטעלט ניו יארק אלס די סטעיט וואס איז שטענדיג געווען די נאציאנאלע פירערין מיט אינסטאלירטע קאמיוניטי סאלאר, און אזוי אויך אלס די ערשטע אין 2023 מיט קאמיוניטי סאלאר אינסטאלאציעס, אין די צווייטע פלאץ מיט לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן אין אלגעמיין און אין פינפטע פלאץ מיט פריוואטע סאלאר.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "ניו יארק איז פעלזן-פעסט מיט איר איבערגעגעבנקייט צו ערגרייכן אונזערע קלימאט געזעץ ציהלן, און יעדע דערגרייכונג וואו מיר קומען אן איז איין טריט נאענטער צו א מער פארלעסליכע, גערעכטע, עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד. אלס די הויפט מארקעט אין דאס לאנד, וועט קאמיוניטי סאלאר פארזעצן צו זיין א קריטישע מאדעל צו ליפערן ריינע און ביליגע ריינע ענערגיע צו פלעצער וואו סאלאר פאנעלן אויפן דאך זענען נישט קיין אפציע, זיכער מאכנדיג אז מער ניו יארקער קענען באקומען די בענעפיטן פון די ריינע מיטל."

דאס אנקומען צו די דערגרייכונג איז געברענגט געווארן דורך שטארקע שטיצע פון NYSERDA'ס NY-Sun פראגראם, די סטעיט'ס פראמינענטע 3.3 ביליאן דאלארדיגע סאלאר אינציאטיוו. אין די יעצטיגע צייט ברענגען די אינסטאלירטע לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן פראיעקטן צוזאמען מיט די פראיעקטן וועלכע זענען אין דעוועלאפמענט די סטעיט צו 83 פראצענט פון די יעצטיגע ציהל וואס איז צו אינסטאלירן 10 גיגאַוואַטס פון לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן ביז 2030.

**צפון-מזרח ראיאן דירעקטאר פאר די סאלאר ענערגיע אינדוסטריעס פארבאנד (Solar Energy Industries Association), וואלעסא סאַוטער-קליין, האט געזאגט,** "יעצט איז די צייט זיך צו נעמען צו פארמערן די שוואונג צו פארזיכערן א צוקונפט געטריבן דורך ביליגע, ריינע סאלאר עלעקטריציטעט אין ניו יארק. די סאלאר און סטארעדזש אינדוסטריע קוקט ארויס צו ארבעטן מיט NYSERDA, גאווערנער האקול און אנדערע פירער צו פארשטערקערן פראגראמען וואס ברייטערן אויס קאמיוניטי סאלאר און הייבן אונטער קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**צפון-מזרח דירעקטארין פאר די קאאליציע פאר קאמיוניטי סאלאר צוטריט (Coalition for Community Solar Access), קעיט דעניעל, האט געזאגט,** "די דערגרייכונג איז אן אמת'ע עדות איבער די איבערגעגעבנקייט פון אונזערע שותפים ביי NYSERDA, און אזוי אויך איבער די פילע בענעפיטן פון קאמיוניטי סאלאר. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די סטעיט צו אויסברייטערן צוטריט צו קאמיוניטי סאלאר נאך אפילו מער, אזוי אז אלע ניו יארקער זאלן קענען באקומען א חלק אין די פארשפרעך פון א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע."

**פרעזידענט פון די ניו יארקע ליגע פון אפהיטונג וויילער (New York League of Conservation Voters), דזשולי טייה, האט געזאגט,** "אזוי ווי דער קלימאט קריזיס ווערט מער און מער דרינגנד מיט יעדן טאג, און אזוי ווי די געזונטהייט פון אונזער באפעלקערונג און פלאנעט זעצן פאר צו ליידן פון די שעדליכע השפעות פון ברענדענע פאָסיל ברענשטאָף, קענען מיר מער זיך נישט ערלויבן צו בלויז רעדן איבער ריינע ענערגיע — נאר מיר מוזן אהערשטעלן עכטע פראיעקטן אויפן שטח. די אינסטאלאציע פון מער פון צוויי גיגאַוואַטס פון סאלאר ענערגיע איז א גרויסע טריט פאראויס צו ערפילן די סטעיט'ס ריינע-ענערגיע ציהלן, און עס איז א גרויסע געווינס פאר פובליק געזונטהייט און די סביבה. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און NYSERDA פרעזידענט דארין העריס פארן נעמען שטארקע שריט צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א נאציאנאלע פירערין אין סאלאר ענערגיע פראדוקציע."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ניו יארק סאלאר ענערגיע אינדוסטריעס פארבאנד (New York Solar Energy Industries Association, NYSEIA), נאָוע גינזבורג, האט געזאגט,** "קאמיוניטי סאלאר פארברייטערט געדרעכטע צוטריט צו ריינע ענערגיע דורכן ברענגען סאלאר עלעקטריציטעט און איינגעשפארטע יוטיליטי ביל געלטער צו ניו יארקער, אריינרעכענענדיג די וואס דינגען א הויז און פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט. שנעלערהייט אריינברענגען קאמיוניטי סאלאר און סאלאר פאנעלן אויף דעכער אין באנוץ איז וויכטיג צו קענען ערגרייכן ניו יארק'ס אמביציעזע ציהלן צו אראפגיין פון קארבאן. NYSEIA גראטולירט גאווערנער האקול, NYSERDA און די לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן אינדוסטריע פארן איבערשטייגן צוויי גיגאַוואַטס פון אינסטאלירטע קאמיוניטי סאלאר קאפאציטעט."

**צפון-מזרח רעגולאטארישע דירעקטארין פון Vote Solar, לינדסעי גריפין, האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו זעהן ניו יארק אנקומענדיג צו א גרויסע קאמיוניטי סאלאר דערגרייכונג וואס וועט אויסברייטערן צוטריט צו ריינע ענערגיע צו הונדערטע טויזנטע היימער אריבער די סטעיט. די עררייכטע דערגרייכונג הייבט ארויס די באאיינדרוקסולעל פארשריט אין די קורצע טערמין, אבער מער אמביציעזע ציהלן מיט לאקאל-אינסטאלירטע סאלאר פאנעלן וואס טרייבן נאך העכערע סומעס פון NYSERDA און NYPA אינוועסטירונגען זענען קריטיש צו קענען אריבערפירן שנעלערהייט און גערעכטערהייט די סטעיט צו ריינע ענערגיע."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 55 ביליאן דאלאר אין 145 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט

עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, ארייגרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן